# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת בשלח, שבת שירה, י"ג שבט, שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 20 (434)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................5:05
מוצאי שב"ק...................6:34

**שיעורים כסדרן**

נ"ך........דברי הימים-א ט"ז-י"ז
בבלי........................ברכות ל"ו
ירושלמי.................פסחים א'
תוספתא.................אהלות י"ד
רמב"ם................שכירות ד'

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה' אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה לָכֶם הַיּוֹם

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אִיז זָאגְן תְּהִילִים; דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מִיר אַלֶע קֶענֶען טוּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִים; דָאס קֶענֶען מִיר טוּן, דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער אַזוֹי פַּאסְטְן, נָאר דִי שְׁוֶועריקֵייט וָואס תְּהִילִים הָאט אִיז דִי אֱמוּנָה וָואס מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם. דֶערְפַאר זֶענֶען מֶענְטְשְׁן מְזַלְזֵל אִין זָאגְן תְּהִילִים וַוייל מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז מֶען הָאט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וְכוּ'; עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ פַּאסְטְן וֶוען עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר טוּט עֶפֶּעס אַ גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה וְכוּ' וִוי פָּשׁוּט צוּ זָאגְן תְּהִילִים.

דֶערְפַאר זֶענֶען מִיר דָא בַּיים רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַריין אִין אוּנְז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט אָן חָכְמוֹת וְכוּ'. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד): "אִיךְ בִּין צוּ גֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע מַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפִירְט פָּשׁוּט".

דֶער רֶבִּי הָאט פַארְצֵיילְט אַז אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי קִינְדֶער - זֵייעֶר נָאנְטֶע חֲבֵרִים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי צוּגֶעבִּינְדְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אַז זֵיי הָאבְּן פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אֵיינֶער אָן דֶעם צְוֵוייטְן. אֵיינְמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי חֲבֵרִים זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ אוּן זַיין חָבֵר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט זַיין חָבֵר: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה?" הָאט אִים זַיין חָבֵר גֶעזָאגְט: "זָאג תְּהִילִים פַאר מִיר"; הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען זָאגְן מִיט תְּמִימוּת תְּהִלִים. נָאךְ יֶעדֶע פָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן זַיין חָבֵר צִי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֵיילְט, הָאט דֶער חָבֵר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר שְׁוַואךְ", אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶענוּמֶען דֶעם תְּהִלִים אוּן גֶעזָאגְט נָאךְ אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ מִיט בְּכִיוֹת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵייל אוֹיס מַיין חָבֵר", נָאכְדֶעם אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן זַיין חָבֵר צִי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֵיילְט, הָאט דֶער חָבֵר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נָאךְ אַלְץ זֵייעֶר שְׁוַואךְ", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעזָאגְט תְּהִלִים, אוּן נָאךְ יֶעדֶע פָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן זַיין חָבֵר, בִּיז דֶער חָבֵר אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן; זֶעט מֶען צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען צוּ קוּמֶען אַז עֶר פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מִיר וֶועלְן טְרַאכְטְן: 'אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי'נְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַ שָׁאד וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזָאגְט יֶעדְן טָאג קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים'. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "אוֹיף צְוֵויי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעוואוּסְט פוּן מִיר אָבֶּער הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פוּס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן פַארְוָואס עֶר הָאט מִיר נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן מִיךְ גֶעפָאלְגְט, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מַדְרֵיגָה אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען דֶערְצוּ, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִשְׁפָּטִים תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער. דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים כ', י"ט) "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַסַאךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַ בּוֹים וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן.

### זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

אוֹיף אַ בּוֹים גֵייט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן, עֶס וֶוערְט וִוינְטֶער, עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע וִוינְטְן, הָאגֶל, שְׁנֵיי, אַלֶע בְּלֶעטֶער פַאלְן אַרָאפּ, דֶער בּוֹים וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר וֵוייסְט אַז בַּאלְד וֶועט קוּמֶען זוּמֶער אוּן דִי זוּן וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְלֶעבְּן, מַאכְט עֶר עֶס דוּרְךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

אוּן אֲפִילוּ זוּמֶער קוּמֶען אוֹיךְ דִי הִיצְן וָואס טְרִיקֶענֶען אוֹיס דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַארְטְרִיקְנְט, אָבֶּער אוֹיבּ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן, אַסַאךְ מָאל זֶעט אִים אוֹיס וִוי עֶר הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ גֵיין אַבִּיסְל בֶּעסֶער, קוּמֶען פְרִישֶׁע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר וִויל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועט אִים צוּם סוֹף גוּט זַיין.

<<<<<<

## א גוט ווארט

רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלח) דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער דַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּן עֶר כַאפְּט אָפּ דִי וֶוערְטֶער: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דִי וֶוערְטֶער פוּן 'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ', דַארְף מֶען דָאךְ זָאגְן מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֶ'ע תְּפִילָה"; וַוייל דֶער עִיקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ סְפֵיקוֹת צִי מֶען זָאל טוּן אַזוֹי צוּ אַזוֹי, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן". אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן; אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם טַאטֶע זִיסֶער גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה, אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַּח תשי"פ)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# נִישְׁט זִיךְ ׳אָפְּרֶעדְן׳, נָאר זִיךְ ׳אוֹיסְרֶעדְן׳ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ג׳ שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ דָאס וָוארְט וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, אַז דוּ הָאסְט זִיךְ הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי זֵייעֶר ״אָפְּגֶערֶעדְט״ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ׳; אֶפְשָׁר מֵיינְסְטוּ צוּ זָאגְן אַז דוּ הָאסְט זִיךְ הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי זֵייעֶר ״אוֹיסְגֶערֶעדְט״ דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ׳, וַוייל ״אָפְּגֶערֶעדְט״ אוּן ״אוֹיסְגֶערֶעדְט״ זֶענֶען צְוֵויי אַנְדֶערֶע וֶועלְטְן. אָפְּרֶעדְן טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיף גָארְנִישְׁט; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת דַארְף עֶר וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן חַס וְשָׁלוֹם, מֶען דַארְף וִויסְן אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - דָאס אִיז גוּט, מֶען דַארְף זִיךְ חַזְר׳ן דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים לב, ד): ״הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא״.

אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס יָא; דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה וָואס צַדִּיקִים טוּעֶן, וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת רֶעדְן זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט הַכְנָעָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי פְרֶעגְן קֵיינְמָאל נִישְׁט: ״פַארְוָואס?״ זֵיי וֵוייסְן אַז דָאס קוּמְט זֵיי, דֶערְפַאר לֶעבְּן זֵיי שְׁטֶענְדִיג מִיט תְּשׁוּבָה. זֵיי טוּעֶן תְּשׁוּבָה, זֵיי נֶעמֶען זִיךְ פָאר אַלֶעס צוּ פַארְעכְטְן, דֶער צַדִּיק בֶּעט בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים.

הוֹיבּ אָן אַ נֵייעֶ וֶועג אִין דַיין לֶעבְּן, פוּן הַיינְט אָנְגֶעפַאנְגֶען; אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר שְׁוֶועריִקַייטְן זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן, חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוּן פְרֶעגְן ״פַארְוָואס?״ נָאר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט אוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; גֵיי אִין אַ זַייט, זוּךְ דִיר אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ עֶפֶענֶען פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים זָאגְן: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר, אִיךְ גְלֵייבּ אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן דִיר, אִיךְ בֶּעט דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר, וַוייז מִיר אַז דוּ הֶערְסְט מִיר אוֹיס, וַוייז מִיר אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער״.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תש״פ)

>>>>>>

שוין קויפן טיקעטס דורכ׳ן ארייגרופן אין אפיס פון די סקול אויף 718-384-1652 עקסטענשאן 201. אויך קען מען קויפן טיקעטס ביי אלע ״פארקאש טליתים״ לאקאציעס, און ביי אלע לאקאציעס פון ״טויס טא דיסקאווער״.

עס איז ערווארטעט גאר א גרויסע באטייליגונג פון הונדערטער פרויען און מיידלעך, מ׳זאל זען צו קויפן באצייטנס די טיקעטס זיך צו פארזיכערן א פלאץ.

**לבית יעקב אלו הנשים!**

***

## סיום הש״ס אין ישיבה

א הערליכע סיום הש״ס איז פארגעקומען אין ישיבה איז פארגעקומען אין ישיבה, דורכ׳ן חשוב׳ן 14 יעריגן תלמיד הישיבה, הבחור בערל שניטצלער נ״י וואס האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש״ס. א שיינע ציבור משפחה און גוטע פריינט זענען זיך צוזאם געקומען און זיך מיטגעפרייט בשמחת התורה.

ביים סיום האט צום ערשט גערעדט דער חשובער בחור המסיים וואס האט זיך באדאנקט פאר׳ן ראש ישיבה און פאר זיינע עלטערן. דערנאך האט גערעדט דער טאטע מו״ה משה ארי׳ הי״ו וואס האט ארויסגעברענגט זיינע פרייליכע הרגשים.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט״א ארויסגעברענגט וויפיל דער בחור דארף דאנקען דעם אייבערשטן אז זיינע עלטערן שטייען מיט מיט אים און זענען דאס מחשיב, וויפיל ווייטער מען קען אנקומען ווען די גאנצע שטוב איז געבויעט אויף תורה און אמונה. אזוי אויך באקומען מען א ״צלם אלקים״ דורך ענדיגן ש״ס ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט, און יעדער קען טאקע מעיד זיין אויף דעם בחור המסיים ווי זיין פנים שיינע, ער האט טאקע באקומען א צלם אלקים, א לעכטיגע צורה.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

>>>>>>

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שוּם זַאךְ וֶועט אִים צוּם סוֹף זַיין גוּט.

## זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן שְׁפֵּייעֶן אוֹיף זֵיי, שְׁטוֹיסְן אוֹיף זֵיי, מֶען וַוארְפְט אוֹיף זֵיי שְׁמוּץ, מֶען גִיסְט זֵיי אָן מִיט וַואסֶער, אָבֶּער דֶער בּוֹים דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטֶס, טוּט עֶר נָאךְ צוּרִיק גוּטֶס, עֶר גֶעבְּט אַרוֹיס פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פְרוּכְט מִיט וָואס יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְמַאכְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען מַאכְט אִים צָרוֹת, מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר וַוייטֶער טוּן טוֹבוֹת אוּן גוּטֶס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען זֶעט אַז אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם נִסָּיוֹן, מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט אוּן אַרָאפּ גֶעקוּקְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן נָאר זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער צוּרִיק גֶעגֶעבְּן נָאר גוּטֶס, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט סְפָרִים מִיט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַיֶּה.

## זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן גְרוֹיס

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, אַז דִי וָוארְצְלֶען פוּנֶעם בּוֹים גֵייעֶן אַרַיין טִיף אִין דֶער עֶרְד, אוּן וִוי טִיפֶער זֵיי זֶענֶען אִין דֶער עֶרְד, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער הַאלְט זִיךְ דֶער בּוֹים, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען נָאר פוּן אוֹיבְּן אוֹיף, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג טִיף אִין דֶער עֶרְד, דַאן אִיז דֶער בּוֹים זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע ווִינְט וֶועט עֶס אַוֶועק בְּלָאזְן דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס, עֶר וֶועט וַוייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וִוי גוּט אוּן גֶעלוּנְגֶען עֶר אִיז, אוּן עֶר וֶועט אַרָאפּ קוּקְן אַ צְוֵויטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּם סוֹף פַאלְן, וַוייל יֶעדֶער וֶועט אִים פַיינְט הָאבְּן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוּן קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף יֶעדְן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט אָבֶּער זַיינֶע גוּטֶע מַעֲלוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אוּן שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

## נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ טֶבַע אִין אַ בּוֹים אַז יֶעדֶע בּוֹים צִיט זִיךְ אַלֵיין זַיין לֶעבְּן פוּן דֶער עֶרְד אוּן קַיין אֵיין בּוֹים צִיט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטְן בּוֹים, פוּן יֶעדֶע בּוֹים וַואקְסְט אַרוֹיס אַנְדֶערֶע מִינֵי פְרוּכְט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, קַיין אֵיין בּוֹים מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אַ צְוֵוייטְן, נָאר עֶר זָאל צִיעֶן זַיין לֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז עֶרְגֶער פוּן אִים, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין גוּט.

וֶוען עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, וֶועט עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, וַוייל עֶר זֶעט דָאךְ אַז יֶענֶער קֶען בֶּעסֶער. אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען עֶפֶּעס אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן מִיטְן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער, וֶועט עֶר נִישְׁט טוּן אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען יָא טוּן.

אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז בֶּעסֶער פוּן יֶענֶעם, וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט, וַוייל עֶר וֶועט אֵייבִּיג טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד פוּן יֶענֶעם, וַוייל עֶר אִיז מֶער חָשׁוּב פוּן יֶענֶעם, אוּן מֶען דַארְף מַאכְן מֶער אַ עֵסֶק פוּן אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים עֶס נִישְׁט גֶעבְּן, וֶועט עֶר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

דֶערְפַאר אִיז דִי עֵצָה, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער טוּט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר קֶען יָא.

וואוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעדֶענְקְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי וִוי דֶער בּוֹים, אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם בּוֹים וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וֶועט עֶר זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן וִוי אַ שְׁטַארְקֶע שֵׁיינֶע בּוֹים, אוּן אַרוֹיס גֶעבְּן גוּטֶע זִיסֶע פְרוּכְט פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן, וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס ט״ו בִּשְׁבָט)

# אוֹיסְצוּגְן פוּן דִי צַוָואָה פוּן כ״ק מָרָן מוֹהֲרָא״שׁ זצוק״ל

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֶענְדִיג זָאלְט אִיר הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אֵייעֶרְס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר אַ וֶועלְט וָואס גֶעהֶער נִישְׁט צוּ אַייךְ. אִיר דַארְפְט אַייךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. וָואס אִיר דַארְפְט הָאבְּן זָאלְט אִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אָדֶער אוֹיף סֵיי וועלְכֶע שְׁפְּרַאךְ אִיר זֶענְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיעֶט אוֹיף דִי אֱמוּנָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר וֵוייסְט אוּן גְלֵייבְּט קְלָאר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אֱמוּנָה אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אִידִישְׁקֵייט, אֱמוּנָה קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר אִין זַיין מֹחַ אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה אוּן גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען קֶען הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטֶע גֶעשְׁמַאק אוּן הֲנָאָה פוּן גַן עֵדֶן. אוּן צוּ דֶעם קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין נָאר וֶוען מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ זַיין חַבֵר אוּן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטְן.

---

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ׳עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ נָאר שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן, יֶענֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן, דַאן וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט פוּן דֶעם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

---

אַזוֹי וִוי בַּיי מַיין לֶעבְּן זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דוּרְךְ מִיר, אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ נָאךְ מַיין הִסְתַּלְקוּת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועט מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

אוֹיךְ וֶועט מֶען מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף קֶענֶען פּוֹעֵלְ׳ן בַּיי מַיין קֶבֶר אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועל אִיךְ זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל זֶען צוּ בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה פַאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיין קֶבֶר.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים אָן קַיין הֶפְסֵק, זָאג אִיךְ זֵיי צוּ אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם.



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען דִי קִינְדֶער וֶוען ס׳פְלִיעֶן רַאקֶעטְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע שִׁיעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ וואוֹין אִין דָרוֹם אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וואוּ עֶס פְלִיעֶן אַסַאךְ מָאל אַרַיין רַאקֶעטְן פוּן דִי אַרַאבֶער, אוּן מְ׳דַארְף לוֹיפְן זִיךְ בַּאשִׁיצְן. דִי קִינְדֶער וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, זֵיי הוֹיבְּן אָן פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט דָאס פַאר אוּנְז, אוּן דָאס גְלַייכְן. וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַזֵק דִי קִינְדֶער? וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען זֵיי? אוּן וִוי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אִין זֵיי אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען עֶס פְלִיעֶן רַאקֶעטְן פוּן דִי אַרַאבֶער דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט צוּ בַּארוּאִיגְן קִינְדֶער וְכוּ׳; דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין זִיךְ אוּן אִין דִי שְׁטוּבּ, אִיז דוּרְךְ רֶעדְן כְּסֵדֶר פוּן אֱמוּנָה. נָאךְ בֶּעפָאר עֶס פְלִיעֶן דִי רַאקֶעטְן וְכוּ׳, וֶוען עֶס אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן אַלֶעס אִיז אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַיינְפְלַאנְצְן אֱמוּנָה, נָאכְדֶעם וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ הָאט מֶען כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): ״הָאֱמוּנָה תּוּלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם״, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): ״אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי״, דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט, מִיט מַיין מוֹיל דֶערְצֵייל אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אִיז דָאס אַלֵיינְס אֱמוּנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען קֶען נָאר זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען פְרֶעגְט דִיר: ״וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?״ עֶנְטְפֶער נִישְׁט: ״יָא״, נָאר עֶנְטְפֶער: ״מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף״; מֶען פְרֶעגְט דִיר: ״וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס הֶערְט זִיךְ?״ עֶנְטְפֶער נִישְׁט: ״גוּט״, עֶנְטְפֶער: ״בָּרוּךְ הַשֵׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן״, דָאס גֵייט אַרַיין צוּבִּיסְלִיךְ אִין זִיךְ, אִין דִי וַוייבּ אוּן אִין דִי קִינְדֶער, אַזוֹי פַאלְט אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים אוּן אַלֶע שְׁרֶעק.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג אוּן קְלֵיינְטְשִׁיג אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. וַוארְט נִישְׁט זֵיי זָאלְן עֶלְטֶער וֶוערְן; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, מֶען מֵיינְט אַז חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער, מֶען שְׁפִּירְט נַארִישׁ צוּ רֶעדְן צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה וְכוּ׳; עֶס אִיז אָבֶער נִישְׁט אַזוֹי, אַזוֹי וִוי מִיר וֵוייסְן דִי מַעֲשֶׂה אַז רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶס מִיט אַ קִינְד, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר פַארְבְּרֶענְגְט צַייט מִיט אַ קִינְד, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן צוּפְלַאמְט אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַ נִיגוּן: ״אָט אִיז מֶען אַ קִינְד, אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר, אָט אִיז מֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן אָט פִירְט מֶען שׁוֹין צוּ דִי קְבוּרָה״; וִוי אֵיינֶער זָאגְט, ׳וָואס זָאגְסְטוּ עֶר אִיז אַ קִינְד, אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען צַייט מִיט אִים, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ דְרֵיי אוּן מֶען אִיז שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד׳, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא קַמָּא צז:): ״מַטְבֵּעַ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ - זָקֵן וּזְקֵנָה מִצַד אֶחָד, וּבָחוּר וּבְתוּלָה מִצַד אַחֵר״, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט אַ מַטְבֵּעַ וָואס פוּן אֵיין זַייט אִיז גֶעוֶוען אַ בִּילְד פוּן אַ אִינְגֶל מִיט אַ מֵיידְל אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז גֶעוֶועןאַ בִּילְד פוּן אַן אַלְטֶער אִיד מִיט אַ אַלְטֶע אִידֶענֶע; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט דִי מַחְשָׁבָה: ׳אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר אוּן אָט אִיז מֶען שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד, אָט אִיז מֶען אַ מֵיידְל אוּן אָט אִיז מֶען אַן אַלְטֶע אִידֶענֶע׳.

אַז מֶען וִויל פּוֹעֵלְ׳ן בַּיי קִינְדֶער דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ זֵיי וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין, דֶעמָאלְט וֶוערְט אַרַיין גֶעקְרִיצְט דִי אֱמוּנָה אִין זֵיי, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן קוּמְט אַרוֹיס זֵייעֶר אֱמוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָהוּ יז, ז-ח): ״בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה׳ וְהָיָה ה׳ מִבְטַחוֹ״, וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, ״וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל מַיִם״, דֶער אִיז גְלַייךְ צוּ אַ בּוֹים וָואס אִיז אַיינְגֶעפְלַאנְצְט נֶעבְּן וַואסֶער, ״וְעַל יוּבַל יְשַׁלַּח שָׁרָשָׁיו״, עֶר אִיז וִוי אַ בּוֹים וָואס דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין וַואסֶער ״וְלֹא יִרְאֶה כִּי יָבֹא חֹם״, עֶס וֶועט אִים נִישְׁט שָׁאטְן קַיין הֵייסֶע טֶעג, ״וְהָיָה עָלֵהוּ רַעֲנָן״, דִי בְּלֶעטֶער הַאלְטְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרִישׁ, ״וּבִשְׁנַת בַּצֹּרֶת לֹא יִדְאָג״, וֶוען עֶס אִיז דָא אַ טְרִיקֶענִישׁ וֶועט עֶר נִישְׁט זָארְגְן, ״וְלֹא יָמִישׁ מֵעֲשׂוֹת פֶּרִי״, עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְגֶעבְּן פֵיינֶע פְרוּכְט, אַזוֹי אִיז דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט וֶועט אִים נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אוּן פְלַאנְצְט דָאס אַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר זֶען שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תש״פ)

BreslevCenter.com\answers




**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט״א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס ״עצתו אמונה״.**

צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# יומא דהילולא קדישא

## יומא דהילולא קדישא פון מוהרא"ש זי"ע

דעם קומענדיגן מיטוואך, י"ז שבט, פאלט אויס די פינפטע יומא דהילולא קדישא פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע. עס דערקענט זיך גאר שטארק די התעוררות און התרגשות ביי אנשי שלומינו בפרט, און ביי אידן איבער די וועלט בכלל, צו דעם געהויבענעם טאג.

די צענטראלע סעודת הילולא וועט פארקומען דעם קומענדיגן דינסטאג נאכט פרשת יתרו, אור ליום י"ז שבט, בבית מדרשינו אין וויליאמסבורג אויף 27 סקילמאן סט. דער ראש ישיבה שליט"א וועט רעדן איבער וואס עס איז אונזער פליכט זיך צו שטארקן אין דעם גרויסן טאג.

אין קרית ברסלב ליבערטי וועט זיין צוגעשטעלט א לייוו הוקאפ פון די סעודה און די דרשות.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז ביי די יומא דהילולא פון א צדיק, דעמאלט קומט ארויס און מען זעט וואס דער צדיק האט איבערגעלאזט פאר די וועלט, די לימודים און עצות וואס ער האט אויסגעלערנט וואס זענען ווייטער חי וקים און זענען ווייטער מחזק און מעורר אידישע קינדער און דערנענטערט זיי צום אייבערשטן.

מיר ווייסן דאך זייער גוט וואס מוהרא"ש האט געטון פאר אונז אלע זיינע יארן, ווי אזוי ער האט אונז געשטארקט אין יעדן מצב און אונז מחזק געווען צו דינען דעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין. און דעריבער איז דער טאג אזוי גרויס, ווען מען נעמט זיך צוזאם און מען חזר'ט איבער זיינע ווערטער, און מען איז ווייטער ממשיך צו גיין אין זיינע וועגן.

פילע אנשי שלומינו פארן ארויס קיין ארץ ישראל, זיך צו משתטח צו זיין אויפ'ן ציון הקדוש אין יבנאל אינ'ם טאג פון די יארצייט, אנדערע אידן וועלן זיך צוזאמנעמען בכל מקומות מושבותיהם און איבער'חזר'ן דאס וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט אלע יארן, און די פילע ספרים וואס ער האט אונז איבערגעלאזט בירושה.

אנשי שלומינו וועלן אויך אויסנוצן דעם געהויבענעם טאג זיך אנצושטרענגען אויסצופירן דאס וואס מוהרא"ש האט געטון זיין גאנץ לעבן, צו דרוקן דעם רבינ'ס ספרים און עס פארשפרייטן איבער די וועלט, און אזוי אריינברענגען די הייליגע לימודים פון רבי'ן איבער די גאנצע וועלט. מ'וועט זיך משתתף זיין מיט שיינע סכומים ארויסצוהעלפן דעם בית הדפוס וואו מ'דרוקט די ספרים און קונטרסים.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן ווייטער ממשיך זיין זיך צו האלטן בדיבוק חברים און פאלגן וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט.

**הוא ימליץ טוב בעדינו!**

***

## העפטיגע צוגרייטונגען צו די פלעי "דער בערגער און דער ארעמאן"

אין די יעצטיגע טעג קומט פאר העפטיגע צוגרייטונגען צו די הערליכע פארשטעלונג וואס וועט אהערגעשטעלט ווערן דורך די תלמידות פון סקול "בית פיגא ברסלב".

אין לויף פון די יארן האט די סקול שוין אויפגעשפילט גאר שיינע פארשטעלונגען פון די מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט, אבער דאס מאל אנטשפרעכט עס צו זיין גאר א פראפעסיאנאלע געלונגענע פלעי, וואס וועט האלטן געשפאנט די צושויער און זיי באגלייטן אויף ווייטער פאר א לאנגע צייט.

די פארשטעלונג וועט זיין פון די מעשה וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט, מיט'ן נאמען "דער בערגער און דער ארעמאן", וואס איז די צענטע מעשה אינעם הייליגן ספר "סיפורי מעשיות".

די מעשה פאר זיך איז גאר א דראמאטישע ערציילונג, פונעם רייכן סוחר (בערגער) וואס האט זיך משדך געווען מיט אן ארעמאן, ווי אזוי די חתן און כלה זענען צעטיילט געווארן, די שווערע מיטמאכענישן וואס זיי ביידע זענען דורכגעגאנגען פאר לאנגע יארן, ביז צו די פרייליכע ענדע ווען זיי האבן זיך ענדליך צוזאמגעטראפן און גליקליך חתונה געהאט. אין לויף פון די סצענעס וועט מען מיטהאלטן לעבעדיג די פרייליכע און טרויעריגע מאמענטן, אנגעצויגענע און רואיגע מצבים, און זען ווי אזוי אמונה און תפילה באגלייטן יעדן איד דורך די שווערסטע אומשטענדן.

די פלעי וועט פארקומען אי"ה אין די זאלן פון עדן פאלאס אין וויליאמסבורג אויף 420 פלאשינג עוועניו, דעם קומענדיגן זונטאג פ׳ משפטים (Feb. 16) אום 2:00 אזייגער נאכמיטאג און אום 8:00 ביינאכט, און אויך אום מאנטאג פ׳ משפטים (Feb. 17) אום 8:00 ביינאכט. מ'קען

<<<<<<




# בית המדרש היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר ווילן לאדנען אלע אנשי שלומינו צו די סעודת הילולא צו די

## יומא דהילולא קדישא פון כבוד קדושת מרן מוהרא"ש זצוק"ל

וואס וועט פארקומען דעם קומענדיגן

**דינסטאג נאכט פרשת יתרו, אור ליום י"ז שבט הבעל"ט**

**בבית מדרשינו 27 Skillman St.**

**בשעה 7:30**

**אין קרית ברסלב ליבערטי וועט זיין צוגעשטעלט**
**א לייוו הוקאפ פון די סעודה און די דרשות**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן זיך שטארקן אינאיינעם צו גיין ווייטער אין די הייליגע וועגן וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו**

**על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון**

**לע"נ כ"ק מרן מוהרא"ש זצוק"ל - ולע"נ ר׳ יוסף שלמה ב"ר שמואל דוד ע"ה**
**ולזכות ברכה והצלחה בכל הענינים**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה סענדער ראטה הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
***
מו"ה נחמן שמואל יאקאבאוויטש הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
***
מו"ה שמואל ראזענבערג הי"ו
צו די אפשערן פון זיין זון למזל טוב

## בחורישע מעשיות

הערט ווי בחורים דערציילן זייערע פערזענליכע איבערלעבענישן, גאר אינטערעסאנט און באלערנד,
הערט און האט הנאה:
קול ברסלב
**212-444-9191**
**1, 7, 1, 2, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**